Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

הײנט 10 זײטען

# נײער פאלקסבלאט

№ 271 | Łódź Poniedziałek, 23 listopada 1931 r. | נײנטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג י״ג כסלו תרצ״ב | № 271

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# יאפאניש-כינעזישער קאנפליקט ווערט ליקווידירט

פאריז, 22. (ספ. טעל.) דער כינעזישער פארשטעהער האט אנגענומען דעם יאפאנישען פאר־שלאג צו שיקען אן׳אויספארשונגס־קאמיסיע קיין מאנדזשוריען.

אזוי־ארום האט דער פעלקער־בונד־ראט דער־פיהרט צו דער ליקווידאציע פון יאפאניש־כינעזישען קאנפליקט.

אין דער אויספארשונגס־קאמיסיע געהען אריין פערטרעטער פון ענגלאנד, פראנקרייך און אמעריקע.

## טשיאנג-קאי-שעק, פרעזידענט פון דער כינעזישער נאציאנאלער רעגירונג



## די באהן-מאכט אין קאמף מיט דער ארבייטסלאזיגקייט

ווארשא, 22. (טעלעפאניש פון אונזער קאר־רעספאנדענט) דאס קאמוניקאציע־מיניסטעריום האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, וואס האט דעם ציל צו בעקעמפען די ארבייטסלאזיגקייט אויף די באהנען. צו דעם צוועק וועלען פערגרעסערט ווערען די ארבייטען אויף די באהנען, און עס וועלען בעשעפטיגט ווערען קודם כל פאמיליען־מענשען.

אין דער פעראָרדנונג ווערט אנגעוויזען אויף א גאנצע רייהע מיטלען, וועלכע דארפען געבען מעג־ליכקייטען אויסצופיהרען די דערמאנטע אויפגאבע.

עס וועלען בעפרייט ווערען פון דע־ א־בייט די בעאמטע און ארבייטער, וועלכע האבען א חוץ אויף די באהנען, אויך אנדערע בעשעפטיגונגען.

די פעראָרדנונג זעהט אויך פאר, אז די באהן־דירעקציעס זאלען אוי דשטעהען אין קאנטאקט מיט די ארבייטסלאזע קאמיטעטען אין די ערטער. ווייטער וועלען אויך בעפרייט ווערען פון דער באהן־ארבייט פריילידיגע, וועלכע ארבייטען ב... לאנג און די בכורה צו פלייבען ביי דער ארבייט וועלען האבען די פעה־היראטע, וועלכע ארבייטען שוין לאנג אויף די באהנען.

## דעמאנסטראציעס געגען גראנדי׳ן אין אמעריקא

ניו־יארק, 22 (ספ. טעל.) בעת׳ן בעזוך פון איטאליענישען אויסערן־מיניסטער גראנדי אין ניו־יארק האט מען געגען איהם געמאכט אן׳אנטי פאשיסטישער דעמאנסטראציע, אין מאמענט ווען ער איז פערבייגעפאהרען אין א הויפט־גאס.

עס איז געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט פאשיסטען, פאליציי האט דעם צוזאמענשטויס ליק־ווידירט.

אויך אין פילאדעלפיא איז געקומען צו אינצידענטען ווען גראנדי איז פערבייגעפאהרען די גאסען.

## דער קריג אין ווייטען מזרח



פרייוויליגע כינעזער געהען אין זייערע מיליטער־אפטיילונגען.

## דענקמאל פון מארשאל יוזעף פילסודסקי אין אפאטאוו

קאליש, 22 (פאט) היינט איז אין אפא־טאוו פארגעקומען די פייערונג פון אפהילען דעם דענקמאל פון מארשאל יוזעף פילסודסקי.

## אנשטאט טויט-שטראף — אייביגע תפיסה

פשעמישל, 22 (פאט) דאס שטאנד־גע־ריכט האט היינט ארויסגעטראגען א טויט־אורטייל אויף מיכאל אוניאט, וועלכער האט דערמארדעט זיין כלה מוא הארבאט.

די טויט־שטראף איז דעם מערדער אויסגע־טוישט געווארען אויף אייביגע תפיסה.

## דעפיציט פון פראנצויזישען מלוכה-בודזשעט

### עס ווערט איינגעפיהרט א צאל-העכע־רונג אויף אימפארטירטע פערטיגע זאכען

פאריז 22 (ספ. טעל.) די פינאנץ־קא־מיסיע, פון פארלאמענט האט אנגענומען דעם רע־גירונגס געזעץ־פראיעקט, וואס זעהט פאר בעדיי־טענד צו העכערען דעם צאל אויף אימפארטירטע פערטיגע זאכען. די העכערונג זאל בעטרעפען 8 פראצענט, אנשטאט די ביז איצטיגע 2 פראצענט.

דער צאל פון רוי־מאטעריאלען בלייבט נישט געענדערט.

די רעגירונג דערווארט אנ׳הכנסה פון דער דערמאנטער צאל־העכערונג א סומע פון 400 מיל־יאן פראנק.

דער מלוכה־בודזשעט פון 1930 — 1931 שליסט זיך מיט א דעפיציט פון העכער 2 מיל־יארד פראנק.

## אראבער געגען מופטי

### מוסולמענישער קאנגרעס וועט נישט פארקומען אין ירושלים

ירושלים, 22 (יט״א טעלעגראפיש) א גרויסע צאהל אראבישע פיהרער, דערונטער אויך מיטגלידער פון מוסולמענישען ראט, האבען פער־עפענטליכט אנ׳ערקלערונג, אין וועלכען זיי זענען געגען צונויפרופען דעם מוסולמענישען קאנגרעס אין ירושלים. אין דער ערקלערונג ווערט אויך גע־זאגט, אז דער הויפט מופטי, האט זיך מיט קיינעם דערוועגען נישט פערשטענדיגט. די אראבישע און מוסולמענישע אנפיהרער זענען געגען דעם מופטי.

## ארץ-ישראל ליידט נאך פון די אויגוסט-געשעהענישען

### בעריכט פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג

ירושלים, 22 (יט״א טעלעגראפיש) ס׳איז פערעפענטליכט געווארען א בעריכט פון דער רע־גירונג וועגען דערווירטשאפטליכער לאגע אין לאנד. אין בעריכט ווערט געזאגט, אז ארץ־ישראל ליידט נאך ביזן היינטיגען טאג פון די אויגוסט־געשעהענישען אין יאהר 1929.

Dr. med.

**W. Eychner**

אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען

וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4

(נעבן קינא „טשארי״) טעל. 134-72

נעהמט אן פון $2\,{}^1/_2$ – 4 און פון 7 – 8 אווענד.

בילייד.

אונזער חשוב׳ען מיטגליד

עוזר בערגער

צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער

פרוי

חי׳ נ. ע.

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיט־געפיהל. די פערוואלטונג פון אינטעא־לאטארען-פעראיין אין לאדז

מיינע טייערע פריינד

העלא קאהן

און

יעקב טשאפניק

צו אייער חתונה

מיינע הארציגסטע וואונשען

בנימין זילבערבערג

נאך קורצע שווערע ליידען איז געכטען געשטארבען אין עלטער פון 58 יאהר אונזער לאנגיעהריגער מיטגליד און געוו. גבאי פון דער חברה „אהבת רעים״, זאוואדזקא 6 נ״ע

יצחק ב״ר אברהם יעקב ז״ל ליבערטאווסקי

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, מאנטאג, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער־הויז, סאלנא 10, ווערען אלע מיטגלידער אויפגעפאדערט אבצוגעבען דעם נפטר דעם לעצטען כבוד.

די גבאים.

א הערצליכען מזל-טוב

ווינשען מיר אונזערע פריינד

מרדכי כאנטשינסקי און פרוי

צו דער פערלאבונג פון זייער ליבע טאכטער

מארילא

מיט ה׳ יעקב וואלפיש

שמואל זיסמאן און פרוי.

א זייגערמאכער

מיט לאנגיעהריגער פראק־טיק, זוכט ארבייט בעגען מעסיגען געהאלט.

אפערטען אונטער „Sz. W. 37״ אין אדמ.

נאך קירצע און שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער לאנג־יאהריגער חשוב׳ער מיטגליד אין עלטער פון 56 יאהר

נ״ע משה דוב שיינוואלד

די לויה קומט פאר היינט, 12 בייטאג פון פאזנאנסקיס שפיטאל. אלע בעקער־מייסטער אין לאדז ווערען געבעטען צו קומען צו דער לויה, כדי אפצוגעבען דעם פערשטארבענעם דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג פון בעקער-צעך אין לאדז.

